# ליכט־שטראַלן

## דער מהר״ל, און די שטיינער פון חושן

אוצר החכמה

— א —

דער הייליגער צדיק און וועלטס גאון, דער מהר״ל פון פראג, האָט געהאַט אַ מורא'דיגן און אינטערעסאַנטן חלום.

ער זעט דעם כהן גדול, דאָס פנים לייכט אים ווי די שיין פון די לבנה. מיט אַ שיינע לאַנגע ווייסע באָרד. אָנגעטאָן מיט אַלע אַכט בגדים גרייט צו די עבודה. אויפן קאָפּ דעם „מצנפת" (טורבאן) פון ליינען. דערינטער בליטשקעט אַרויס דער גאָלדענער „ציץ" אויפן שטערן. דאָס געקעסטלטע „כתונת" (אונטערשטע העלמדל), און דער „מעיל" (אויבערשטע העמדל), אויף די עקן די רמונים'לעך, מיט די גאָלדענע גלעקלעך, וועלכע קלינגען אַזוי שיין און מיסטיש ביי יעדן טריט פונם כהן גדול. דער „אבנט" (גאַרטל) אַ קינסטליכע וועבער־ארבעט. דער „אפוד" (אַ אָן־גורט) געמאַכט מיט געדרייטע פעדעם פון גאָלד, הימל־בלוי וואָל, פורפור וואָל, רויטער פאָדעם, און ליינען. אויפן אפוד ליגט דער „חושן משפט", אַ קינסטליכע אַרבעט מיט צוועלף קעסטעלעך, און וועלכע די טייערע צוועלף בריליאַנטן שטיינער קומען אַריין געזעצט, קעגן די צוועלף שבטים.

דער כהן גדול קומט אים אַקעגן, אַלץ נאָענטער און נאָענטער. ער הערט לויטער דאָס קלינגעריי פון די גאָלדענע גלעקלעך.

ווען דער כהן גדול קומט אים שוין גאַנץ נאָענט, איז אוי ואבוי. עס ווערט אים פינסטער פאַר די אויגן. עס פעלן די צוועלף בריליאַנטענע פילונגס שטיינער פונם חושן. דער חושן משפט שטייט אויף די ברוסטן פונם כהן גדול פאַרשעמט, מיט צוועלף ליידיגע לעכער.

דער מהר״ל וועקט זיך אויף. דאָס הארץ קלאַפּט אים. אין דמיון זעט ער נאָך ווייטער די פרעכטיגע הייליגע צורה פונם כהן גדול, מיט די צוועלף ליידיגע לעכער אינם חושן. געוואַלד! וואָס מיינט



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
ליכט שטראלן - א כהן, אלישב עמוד מס : 11 הודפס ע״י אוצר החכמה

אוצר החכמה

דאָס? וואָס באַדייט דאָס? ער ווייסט גוט פון ערפאַרונג, אַז אים ווייזט מען נישט קיין פּוסטע חלומות. איז, וואָס האָט מען אים געוואָלט ווייזן פון הימל מיט דעם מיסטעריעזן חלום? וואָס מיינען די צוועלף ליידיגע לעכער? וואו זענען אַהין געקומען די צוועלף טייערע שטיינער פונם חושן? וואָס ליגט אויף אים צוטאָן אין דער אַנגעלעגנהייט?

דער מהר"ל טראַכט און טראַכט, מאַטערט זיך דעם מוח צו געפינען אַ בעשייד. ער פאַרטיפט זיך אין די געדאַנקען אַלץ מער און מער. ער פאַרוואַרפט זיך דעם קאָפּ אויף הינטן, ער קומט אַריין אין אַ מין הימלישן דביקות. דער פּנים פלאַמט אים, די אויגן אויסגעשטאַרט. מ'זעט דאָס ער שוועבט ערגעץ אין די הויעכע וועלטן. אַזוי איז אַדורך אַ פופצן-צוואַנציג מינוטן.

פּלוצים האָט זיך דער מהר"ל אַ טרייסל געטאָן, ער וואַכט אויף פון זיין דביקות. ער אָטעמט שווער און טיף, ווי איינער וואָס האָט אָפּגעטאָן אַ שווער שטיקל אַרבעט. און זאָגט:

— אה, ס'איז דאָ! ב"ה איך ווייס שוין אַלעס. די זאַך איז מיר שוין קלאָר אָן קיין שום ספק.

ס'איז באַוואוסט, דאָס דער חושן משפּט געפינט זיך באַהאַלטן אינם קעניגליכן מוזעאום אין לאָנדאָן. ווי ס'זעט אויס האָט זיך עפּעס אָן איינבּרעכער אַ גנב, דאָרט אַריין געכאַפּט זיך, און אַרויסגע'גנב'עט די צוועלף טייערע שטיינער. מי יודע וואָס וועט מיט זיי פּאַסירן, וויאַזוי זיי וועלן פאַרשוועכט ווערן. מ'זאָל שוין עפּעס טאָן דערוועגן, קענמען עס נאָך אפשר ראַטעווען. אויב מ'וועט וואַרטן וועט מען פאַר שפּעטיגן. די הייליגע שטיינער וועלן ח"ו קומען צו אַ בזיון.

מ'האָט אים דאָס געוויזן אין חלום, ווייל אים ליגט צוטאָן דערין.

דאָס איז עס. דאָס איז דער באַשייד פונם חלום.

* * *

תיכף נאָכן דאַווענען, זאָגט דער מהר"ל צו די רעבעצן. איך זעץ זיך היינט אין אַ שיף, און פאָר אָפּ אויף לאָנדאָן.

אויף לאָנדאָן?! — פאַרוואונדערט זיך די רעבעצן — וואָס איז געשען?

כ'בעט דיך זייער — זאָגט דער מהר"ל — פרעג מיך איצט קיין שום שאלות. דערווייל קען איך דיר גאָרנישט זאָגן. ווען איך וועל מיט השי"ת הילף צוריק זיין, וועל איך דיר אַלעס דערציילן. דערווייל

בעט איך דיך זאָלסט קיין מענטש נישט דערציילן פון מיין פאָרן. און גרייט מיך צו צו די נסיעה.

די רעבעצן האָט שוין נישט גערעדט דאָס צווייטע וואָרט. זי איז שוין געוואוינט געווען צו אַזעלכע זאַכן. זי האָט גוט געוואוסט אַז איר היילינגער מאַן דאַרף אוודאי אויפטאָן גרויסע זאַכן, און מ'טאָר אים נישט אָפּהאַלטן. זי האָט אַלעס איינגעפּאַקט, און צו געגרייט דעם מהר"ל אויפן וועג.

נאָך אַ רייזע פון צוויי וואָכן, איז דער מהר"ל אָנגעקומען אויף לאָנדאָן. ער האָט זיך געדונגען אַ צימער אין איינעם פון די רייכסטע האָטעלן.

אויפן אַנדערן טאָג האָט ער געלאָזט אַריין שטעלן אַ מודעה אין אַלע גרויסע צייטונגען אין לאָנדאָן, מיט דעם נוסח: —

„אַ באַוואוסטער רייכער ראַבינער פון דייטשלאַנד, וועלכער איז נאָר וואָס אָנגעקומען אויף לאָנדאָן, איז אינטערעסירט צו קויפן אַלטע אַנטיק היילינגטימען, וואָס זיי האָבן עפּעס אַ פאַרבינדונג מיטן אידישן פאָלק, צום בית המקדש, אָדער צום היילינגן לאַנד. ער באַצאָלט מיט פאַרגעניגן איעדע פּרייז, ווי הויעך עס זאָל נישט זיין. די אינטערעסירטע זאָלן זיך ווענדן אין (דעם און דעם) האָטעל צימער נומער 9.

דער מהר"ל איז געזעסן אין זיין צימער אין האָטעל, און געוואַרט אויפן רעזולטאַט פון זיין מודעה. ער איז געווען זיכער אין זיין זאַך. ס'איז ביי אים נישט געווען דער מינדסטער ספק דאָס דער געוואונשענער מענטש וועט קומען. ער האָט געוואַרט אויף אים ווי מ'וואַרט אויף אַ איינגעלאַדנטן גאַסט.

— ב —

פּראָפעסאָר „פּאול אנדריאַס" איז געווען דער דירעקטאָר און הויפּט אופזעער אינם וועלט באַרימטן רעגירונגס מוזעאום אין לאָנדאָן.

דער מוזעאום אין לאָנדאָן איז געווען איינס אין דער וועלט, מיט זיינע אינהאַלטסרייכע און ווערטפולע אַנטיק זאַכן, פון טויזינטער יאָרן צוריק. ס'איז געווען באַוואוסט אַז דער חושן פונם כהן גדול אין וועלכן ער האָט געטאָן די עבודה אין בית המקדש, מיט די צוועלף טייערע שטיינער דערין, וואָס איז נישט געווען זייער גלייכן אין די וועלט אין טייערקייט און שיינקייט, געפינט זיך אויך אין דעם מוזעאום,

הדפסה ברזולוציית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
ליכט שטראַלן - א כהן, אלישב עמוד מס: 13 הודפס ע"י אוצר החכמה

מיט נאָך אַנדערע כלים פון בית המקדש, וועלכע זענען אַנגעקומען אַהין נאָכן פאַלן פון די רוימישע אימפּעריע.

פּראָפ. אַנדריאַס׳נס אָנזען און רעפּוטאַציע איז געווען גרויס אין די העכסטע שיכטן, לורדן און אַריסטאָקראַטן, אין לאָנדאָן, ביזן קעניגליכן הויף איז געקומען זיין רום און זיין גוטער נאָמען אַלס גרויסער געלערנטער פּראָפעסאָר, און אַלס בעזאנדערער איידעלער כאַראַקטער. דאָס האָט צוגעברענגט וואָס מ׳האָט אים אָנפאַרטרויט אַזאַ שטאַרק פאַראַנטוואָרטליכן פּאָסטן.

פּראָפ. אַנדריאַס׳נס סוד, דאָס ער איז אַ געבוירענער אַ איד, האָט קיינער נישט געוואוסט. ס׳איז מער ווי וואַרשיינליך דאָס פאַר אַ איד וואָלטמען נישט אָנפאַרטרויט אַזאַ פּאָסטן. אויסער דעם האָט זיך אַ איד אין יענע צייטן, נישט געקענט זיך ערווערבן אַזאַ רעספּעקטפולן נאָמען אין די הויעכע קרייזן.

פּראָפעסאָר אַנדריאַס איז געבוירן אין קאָרדאָוואַ, שפּאַניען.

זיין פאָטער ענריקאָ אַנדערא, איז געווען פון די גאָר אָנגעזעענע סוחרים עשירים אין די שטאָט. צענדליגע יאָרן האָט ער געלעבט מיט כבוד און פּרעסטיזש, און ס׳האָט קיינער נישט געוואוסט דאָס ער איז פון די מאַראַנען (אנוסים). באַהאַלטן טיף אין אַ קעלער אונטער זיין הויז איז געווען איינגעאָרדנעט אַ שטיקל שולעכל פאַר צען מענטשן מאַראַנען. אַלעס עלטערע מענטשן. אַנדערא האָט נישט געטרויט און באַהאַלטן פאַר זיין אייגענע משפחה דעם סוד, דאָס ער פּראַקטיצירט דעם אידישן דת. דאָס זעלבע אויך די אַנדערע באַטייליגטע מיט אים. אַזוי ווייט איז שוין דעמאָלט געווען די מורא געכאַפּט צו ווערן. אַנדערא מיט זיינע מענטשן זענען שוין כמעט געווען די לעצטע באַהאַלטענע מאַראַנען אין די שטאָט קאָרדאָוואַ. דער אַריינגאַנג צו דעם טיפן קעלער איז געווען אַזוי קאָמפּליצירט פאַרבאַהאַלטן און פאַרדעקט, דאָס די שטוב לייט האָבן אויך נישט קיין אַנונג געהאַט דערפון.

דאָך איז סוף סוף, אַנדערא מיט זיינע מענטשן געכאַפּט געוואָרן, וואַרשיינליך דורך אַ מסירה. און זענען אַלע אומגעקומען אויף קידוש השם.

ענריקא׳ס זון, פּאַוול אַנדערא, איז שוין געווען אַפאַרהייראַטער. אויך מיט אַ אידישע טאָכטער פון איינעם פון די מאַראַנען. פון אידישן דת האָבן זיי כמעט קיין אַנונג נישט געהאַט, נאָר אַזויפיל דאָס זיי זענען אידן. פּאַוול האָט שטודירט הויכע

אוצר החכמה
הדפסה ברזולוציית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
ליכט שטראלן - א כהן, אלישב עמוד מס: 14 הודפס ע"י אוצר החכמה

וויסנשאַפט, און האָט שוין געהאַט דעם טיטול דאָקטאָר פּראָפעסאָר. איז באַטש אויף אים האָט קיינער קיין פאַרדאַכט נישט געהאַט, ס'האָט אים געהאַלטן ווי אַ הונדערט פּראָצענטיגן קריסט, דאָך האָט ער זיך נישט גוט געפונען אין די געזעלשאַפט. זיי האָבן באַשלאָסן צופאַרלאָזן שפּאַניע, און זיי האָבן עמיגרירט אויף לאָנדאָן.

קומענדיג אויף לאָנדאָן האָט ער זיך זיין נאָמען געביטן אויף פּאול אנדריאַס. זיין פאַרגאַנגענהייט אַלס איד האָט ער באַהאַלטן, און אויסגעמעקט פון זיינע געדאַנקען. ער האָט נאָך שטודירט אויף די אוניווערסיטעט עטליכע יאר. און אַ צוגאָב צו דעם דאָקטאָר טיטל וואָס ער האָט שוין געהאַט פון פריער, האָט ער זיך נאָך ערוואָרבן דעם טיטל „פּראָפעסאָר אויף אַרכילאָגיע און אַנטיק זאַכן", און האָט זיך ערוואָרבן אַ שיינעם נאָמען.

נאָכן אָפּזיין אין לאָנדאָן צירקע פופצן יאָר האָט ער ערשט עררייכט דעם אויבן דערמאָנטן פּאָסטן, צו ווערן דירעקטאָר און הויפּט אויפזעער פונם קעניגליכן מוזעאום.

דעם אמת געזאָגט דאָס אנדריאַס מיט זיין פרוי, האָט זיי נישט איינמאָל געפייניגט דער געוויסן, דאָס זיי זענען געבוירענע אידן צו אידישע טאַטעס און מאַמעס. אנדריאַס האָט געזען פאַר זיך אַ סאַך מאָל אין חלום און אין דמיון ווי זיין פאָטער ווערט פאַרברענט אויף קידוש השם וועגן אידישן גלויבן. אין אַזאַ צייט ווען ער פלעגט דערנאָך אויפוואַכן האָט ער געפילט ווי ס'דריקט אים אַ שטיין אויפן האַרץ. און האָט זיך געפילט אַזוי נישטיג און קליין, דאָס ער אַנטלויפט פון די הייליגע הויעכע אידעאַלן וואָס זיינע נאָבעלע פאַרגענגער, עלטערן און אור-עלטערן האָבן זיך פאַרדעם מקריב און מוסר נפש געווען. אין טיפן האַרצן האָט ער זיך געפילט ווי אַ שולדיגער.

איינמאָל האָט ער געהאַט אַ געשפּרעך מיט זיין פרוי פון דעם. און זענען געקומען צום באַשלוס, דאָס זיי וועלן נאָך אַמאָל צוריקקערן צום אידישן דת. זעלבסטפאַרשטענדליך קיין טערמין אויף דעם האָבן זיי נישט באַשטימט. אין די נאָענטע צוקונפט קען דאָך אוודאי פון דעם קיין רעדע נישט זיין. אָבער מיט דער צייט, וואָס קענמען וויסן, ווי די וועלט דרייט זיך פאַרשידן. אפשר וועט זיך אַמאָל מאַכן צודעם אַ פּאַסיגע צייט און געלעגנהייט. מיט דעם געדאַנק און באַשלוס האָבן זיי אַלעמאָל זייער געוויסנביסע דערדריקט און אָפּגעשטילט.

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
ליכט שטראַלן - א כהן, אלישב עמוד מס: 15 הודפס ע"י אוצר החכמה

— ג —

„עדי וואלערו" איז געווען אַ יונגער סטודענט אויף די בערלינער אוניווערסיטעט. וואלערו איז אויך געבוירן אין שפאניע, ביי אידישע עלטערן. זיין פאָטער און מוטער, דאן וואלערו מיט זיין ווייב, זענען אויך אומגעקומען אויף קידוש השם. דעמאָלס איז נאָך עדי געווען אַקליין אינגל. זיינע עלטערן האָט ער כמעט נישט געדענקט. מ'האָט דעם קליינעם עדי אריין געגעבן אין אַ קאַטוילישן ערציאונג אַנשטאַלט. דאָרט איז ער געוואָרן ערצויגן אין אַ הונדערט פּראָצענטיגן קאטוילישן גייסט, מיט אַלע קריסטליכע צערעמאָניעס. דאָס איינע האָט ער געהאַט אין זיך פון זיין פארגאנגענהייט, דאָס ער האָט געוואוסט אַז ער איז געבוירן אַלס איד ביי אידישע עלטערן.

עדי איז אין אַ קורצע צייט אויסגעוואַקסן פאַר אַ שיינעם אַנטוויקלטן יונג.

ער האָט אַרוים געוויזן גרוים חשק צו לערנען און שטודירן וויסנשאַפט, ער האָט אויך געהאַט דערצו זייער אַ גוטן קאָפּ.

ווען ער איז אַלט געוואָרן אַכצן ניינצן יאָר, האָט ער זיך אַליין צוזאַמען געשטעלט אַביסל געלט אויף שפּעזן, און ער איז געפאָרן אויף בערלין, דייטשלאַנד, שטודירן.

דאָרט האָט מען אים ליב בעקומען צוליב זיין גוטן קאָפּ, און אויך צוליב זיין שיינעם סימפּאַטישן אויסזען. און אַ גוטע איידילע אויסשפּראַכע.

אין אַ קורצע צייט האָט ער זיך אויסגעצייכנט אין שטודיום אויף צוויי געביטן. דאָס ערשטע אין שפּראַכן קענען. ער האָט גערעדט דייטש, ענגליש, פראַנצויזיש, פּערפעקט, אויסער זיין מוטער שפּראַך שפּאַניש. דאָס צווייטע, אין אַרכילאָגישע וויסנשאַפט און אַ מומחה צו אַלע סאָרט איידל שטיינער.

ס'האָט אָבער פּאַסירט אין עדי'ס גייסטיגן צושטאַנד אַזאַך, וואָס האָט איבערגעבראָכן זיין קריירע צו שטייגן. אַזוי ווי ער איז געווען, אַ אָרים קינד, אַ יתום, ער האָט נישט געהאַט קיין שום פינאַנציעלע מיטלען, און ס'האָט אים אויסגעפעלט געלט צום שטודירן, ער האָט זיך געשעמט פאַר זיינע חברים. אויך וואָס ער האָט נישט געקענט ערפילן זיין לוסט צולעבן אַ גוטן טאָג, ווי אַסאַך אַנדערע קאָלעגן זיינע. האָט אים דער יצר פון גניבה בייגעקומען, און ער האָט ביי אַ רייכן חבר זיינעם גע'גנב'עט אַביסל געלט.

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
ליכט שטראלן - א כהן, אלישב עמוד מס: 16 הודפס ע"י אוצר החכמה

די גניבה איז אויפגעדעקט געווארן. דער דירעקטאר פון אוניווערסיטעט פרופ. ריידינגער, האט אים גוט אויסגעמוסר'ט. צום ענדע, האט ער אים געזאגט, אז דאס איינע מאל שענקטמען אים, מ'רעכנט זיך מיט זיין סיטואציע, אבער להבא זאל ער זיך אכט געבן.

יעדנפאלס די מעשה האט שוין געווארפן א שאטן אויף עדי'ן, און זיין גלאנץ איז אין א געוויסע מאס אראפ.

עדי האט שוין נישט בייגעשטאנען דעם נסיון „עבירה גוררת עבירה", איינס שלעפט נאך די צווייטע. מ'האט אים געכאפט ביי א צווייטע גניבה, שוין עפעס גרעסער פון פריער. און באלד ביי א דריטע.

דער דירעקטאר פרופ. ריידינגער, האט אפגעהאלטן אבאראטונג מיט די גאנצע לייטונג. ער האט זיי ערקלערט, אז אין דער אמת'ן איז א גרויסע שאד פאר עדי'ן, ער האט א גיניאלישן מוח צום לערנען און שטודירן, אויך איז ער באשאנקען דערצו מיט איידילע מאנירן און א הערליכן ערשיינונג, ער וואלט געקענט אויסוואקסן א וועלטס גרעסע.

אבער דאך — האט דער דירעקטאר פארגעזעצט — ס'טוט אים לייד צובאהויפטן דאס די מידה פון גניבה איז א קלעפטאמאנישע קראנקהייט, און ווער ס'ווערט אין דעם געכאפט איינמאל צווימאל, דער קען שוין פון דעם כמעט נישט לייז ווערן איבער זיין גאנץ לעבן.

דאריבער איז זיין פארשלאג — האט דער דירעקטאר אויסגעפירט — דאס מ'זאל עדי'ן געבן נאך איין שאנס צוריקקערן אויפן ריכטיגן וועג. און אז דאס וועט נישט מצליח זיין וועט מען אים מוזן אוועקשיקן.

אלע האבן צוגעשטימט צום דירעקטארס פארשלאג. דער דירעקטאר האט געגעבן עדי'ן נאכאמאל א אויפקלערונגס לעקציע. און געלאזט אים וויסן דעם באשלוס וועגן אים.

עדי האט די זאך גאנץ גוט באנומען. ער איז דאך געווען אקלוגער פארשטענדליכער מענטש, און ער האט פארשטאנען מיט וואס די זאך שמעקט.

אבער דער יצר הרע איז שטארקער פון מענטש. בייקומען דעם יצר הרע קען נאר א איד וואס האט א תורה. אן תורה אז מ'הייבט אן צופאלן אויף אגעביט האט מען נישט מער קיין כח זיך אויף דעם מתגבר זיין.

עדי איז נכשל געווארן אויך דאס פערטע מאל.

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
ליכט שטראלן - א כהן, אלישב עמוד מס : 17 הודפס ע"י אוצר החכמה

און דאָסמאָל שוין מיט א ערנסטערע זאך. נעמליך, ער האָט בע'גנב'עט דעם אוניווערסיטעט אליין, ער האָט געלייגט די האַנט אויף עפעס א חשוב'ן אינסטרומענט, וואָס מ'קען דערפאַר לייזן א מטבע.

ס'איז איבעריג צוזאָגן, דאָס מ'האָט עדי'ן משלח געווען. דער דירעקטאָר האָט געזאָגט דאָס מ'קען זיך נישט ערלויבן צוהאַלטן אַזא געפערליכן עלעמענט, צווישן אָנשטענדיקע מענטשן. נאָך פינף יאָר אַפּזיין אין בערלין האָט ער עס איצט פאַרלאָזט, און נישט בדרך כבוד.

עדי האָט באַשלאָסן צופאָרן ווייט פון בערלין. און אָנהייבן דאָרט א נייע לעבן. ער האָט געלאַנדעט אין לאָנדאָן, ענגלאַנד.

— ד —

תיכף ווי עדי וואַלערו איז אָנגעקומען אויף לאָנדאָן האָט ער זיך געענדערט דעם נאָמען אויף „עדוארד ווילסאָן". ער האָט זיך אויסגעגעבן אַלץ געבוירענער אויף ענגלישע טעריטאָריע. אין עפּעס א פאַרשטופּטע פּראָווינץ שטעטל, ביי באַרימטע אינטעליגענטע עלטערן. און היינט איז ער שוין א יתום.

ער האָט זיך געדונגען א צימער אין א רייכער געגנט אין א נאָבעלן האָטעל. און ער האָט אָנגעהויבן צו ערשיינען אין די אַריסטאָקראַטישע קלובן, און האָט שטאַרק אויסגענומען, הן מיט זיין בילדונג און קענטעניש, הן מיט זיין שיינע שפּראַכע און נאָבעלע ערשיינונג און איידילן אויסזען.

דאָרט האָט ער זיך באַקענט מיטן פּראָפעסאָר פּאול אנדריאס, דער דירעקטאָר פונם קעניגליכן מוזעאום. אנדריאס איז געוואָרן פון אים אַנטציקט. איבערהויפּט אַז ער האָט אויסגעפונען דאָס ווילסאָן איז אויסגעצייכנט אין זיין ליין, אַרכילאָגיע און איידלשטיינער קענער.

ווען ווילסאָן איז אַהיים געקומען צוזיך אין צימער, איז ער געווען באַרוישט פון דעם ערפאָלג וואָס ער האָט געהאַט דעם היינטיגן טאָג מיט זיין ערשיינען צווישן די הויעכע שיכטן. איבערהויפּט זיין געלונגענעם באַקענען זיך מיטן פּראָפעסאָר אנדריאס. דאָס איז טאַקע דער מענטש וואָס ער קען אים ברענגען זיין גליק אויף דער וועלט. אַז ער וועט דורך אים באַקומען א פרייעם צוטריט צו די אומשאַצבאַרע ווערטזאַכן פונם מוזעאום, וועט ער שוין וויסן וויזוי דאָס אויסצונוצן. און דער קאָפּ האָט זיך אים שוין געדרייט אויף קרומע וועגן.

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
ליכט שטראלן - א כהן, אלישב עמוד מס : 18 הודפס ע"י אוצר החכמה

דאָס ערשטע זאַך — האָט זיך ווילסאָן געקלערט — מוז ער זיך ערווערבן די פולע צוטרוי פונם פּראָפעסאָר אנדריאַס.

צו דעם צוועק האָט ער אויסשפּעקולירט אַ שווינדלערישע זאַך. אַזוי ווי ער האָט שוין געוואוסט פון פריער, דאָס דער דירעקטאָר פונם בערלינער אוניווערסיטעט פּרופ. ריידינגער, און אין גוטע באַציאונגען און פריינטשאַפט מיטן פּראָפעסאָר אנדריאַס. האָט ער נאָכגעמאַכט דעם דירעקטאָרס האַנטשריפט — ער איז אין דעם אויך געווען אַ קינסטלער — וועלכעס ער האָט געקענט פון פריער, און ער האָט אָפּגעשריבן אַ מליצה בריוו אויף זיך אַליין, אין נאָמען פונם דירעקטאָר, געשריבן צום פּראָפעסאָר אנדריאַס די פאָלגענדע רייד:

„ליבער פריינט, געערטער פּראָפעסאָר אנדריאַס!

אַזוי ווי ס'פּאַרט יעצט צו אייך אויף לאָנדאָן מיינער אַ תלמיד „אדוארד ווילסאָן", ער האָט זיך ביי מיר אויסגעצייכנט אויף אַלע געביטן, און דער עיקר אין אַרכילאָגיע און איידילשטיינער, און אויף דעם טוט ער פאַרווענדן זיין גאַנץ שטרעבונג און ענערגי, בעט איך אייך ליבער פריינט, דאָס איר זאָלט מיין חשוב'ן תלמיד אויפנעמען מיט אַגעהעריגן כבוד ווי ס'געבירט אים. און דער עיקר, איר זאָלט אים לאָזן באַזוכן און אויסקוקן אין קעניגליכן מוזעאום אָן שטערונג, וועגן זיינע פאָרשריטע מאַכן אין אַרכעלאָגישע פאָרשונגען.

מיט דאַנק און הויכאַכטונג, אייער בעסטער פריינט,

פּראָפ. א. ריידינגער"

דעם בריוו האָט ער אַריין געלייגט אין אַ קופערט און אָפּגעקלעפּט.

אין דריי טעג אַרום, האָט זיך ווילסאָן נאָכאַמאָל באַגעגנט מיטן פּראָפעסאָר אנדריאַס אין דעם אַריסטאָקראַטן קלוב.

ער איז צו אים צוגעגאַנגען. פאַרנויגט זיך ווי געהעריג. דער פּראָפעסאָר האָט אים דערקענט, געוויזן אים אַ פריינטליך פּנים.

ווילסאָן האָט זיך אַנטשולדיגט. דאָס ער האָט ביים ערשטעמאָל באַגעגענען זיך, נישט געכאַפּט זיך, אַז דאָס איז דער פּראָפעסאָר אנדריאַס, צו וועלכן ער האָט אַספּעציעלן בריוו פון פּראָפ. ריידינגער דער דירעקטאָר פונם בערלינער אוניווערסיטעט, וואו ער — ווילסאָן — האָט געלערנט פינף יאָר צייט.

ער האָט דעם בריוו דערלאַנגט דעם פּראָפעסאָר אין האַנט.

אַנדריאַס האָט געליינט דעם בריוו מיט גרויס אויפמערק-

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
ליכט שטראַלן - א כהן, אלישב עמוד מס: 19 הודפס ע"י אוצר החכמה

זאַמקייט. ס'איז אים אַוודאי נישט געקומען אויפן געדאַנק דער מינדסטער פאַרדאַכט אויף אַזאַ נאַבעלן יונגערמאַן.

דער בריוו האָט געמאַכט דעם געוואונשענעם איינדרוק און איינפלוס אויפן פראָפעסאָר, אַנבעלאַנגט ווילסאָן'ען, וועלכער איז אים סיוועי געפעלן געוואָרן פון דער ערשטער מינוט.

ער האָט איינגעלאַדנט ווילסאָן'ען צוזיך אין שטוב. און ווי מער ער האָט פאַרבראַכט מיט אים, אַלץ מער האָט ער געהאַט פון אים התפעלות. פון זיין קלוגשאַפט און פאַרשטענדליכקייט אויף אַלע געביטן, און פון זיין הויך־אינטעליגענטע אויפפירונג און באַנעמונג ביי יענעם אין שטוב א. א. וו.

אויפן צווייטן טאָג האָט ער מיטגענומען מיט זיך ווילסאָן'ען אין מוזעאום, ער האָט מיט אים אַרום שפּאַצירט אין די לענג און אין די ברייט, און האָט אים געגעבן ערקלערונגען איבער פאַרשידענע אַנטיק זאַכן. פון ווילסאָן'ס ענטפערס האָט ער געקענט זען און זיך איבערציינגן, אַז ער האָט צוטאָן מיט אַ מענטש אַ מבין אויף דעם געביט.

עס איז זיי אויסגעקומען פאַרביי צוגען אין דעם ווינקל וואו דער חושן משפּט איז געשטאַנען, מיט די צוועלף איינגעזעצטע טייערע שטיינער, באַצייכנט די נעמען פון אַלע שטיינער, אַזוי ווי ס'שטייט אין די תורה.

ווילסאָן וועלכער איז טאַקע געווען אַ מבין אויף איידלשטיינער, האָט אים די שטיינער פונם חושן אַבליטשקע געטאָן אין די אויגן, און ס'האָט אים געגומען געפאַנגען. ס'איז אים דורך געלאָפן תיכף אַגעדאַנק, אַז פון די שטיינער וואָלט ער געקענט גליקליך ווערן אויף איבער זיין גאַנץ לעבן.

דער שפּאַציר אינם מוזעאום האָט זיך געענדיגט. פראָפעסאָר אַנדריאַס, האָט געגעבן אַ באַפעל פאַר די מאַנשאַפט, דאָס דער מיסטער — וועלכער איז זיינער אַפריינט — האָט אַ אָפענעם טיר אין מוזעאום אַריין צוגיין ווען ער וויל, און אַפרייעם צוטריט צו אַלע זאַכן.

ווען ווילסאָן האָט זיך געזעגנט מיטן פראָפעסאָר אַנדריאַס, האָט אים דער פראָפעסאָר געזאָגט:

— מיסטער ווילסאָן, איך ערוואַרט אייך עפטער ביי מיר אין שטוב. איר זענט ביי אונז שטאַרק אַ אַנגעלייגטער גאַסט. די טיר

הדפסה ברזולוציה מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
ליכט שטראלן - א כהן, אלישב עמוד מס: 20 הודפס ע"י אוצר החכמה

איז אייך אָפן ביי אונז אַלעמאָל. אין אויך קענט איר באַזוכן דעם מוזעאום, ווען אייער האַרץ גלוסט.

ווילסאָן איז געווען שטאַרק צופרידן פון זיינע ערדייכונגען. דאָס האַרץ האָט אים געזאָגט דאָס ער איז אויפן וועג פון גליקליך צו־ווערן.

אוצר החכמה

## — ה —

פּראָפעסאָר אַנדריאַס האָט געהאַט אַ טאָכטער אַ בת יחידה, וועלכע איז אַלט געווען אַרום צוואַנציג יאָר. זי איז געווען אַגעראַטענע מיט אַלע מעלות, די עלטערן האָבן איר געגעבן די בעסטע ערציאונג, און ס'האָט איר נישט געפעלט קיין זאַך פון איר וואונטש אויף דער וועלט. זי איז שוין געבוירן אין ענגלאַנד אַסאַך יאָרן נאָך זייער חתונה. זי האָט זיך געפילט ווי אַן אמת'ע ענגלענדערקע מיטן קאַטוילישן גלויבן. זי האָט קיין אַנונג נישט געהאַט פון דעם דאָס אירע עלטערן זענען געבוירענע אידן.

דער פּראָפעסאָר אַנדריאַס האָט געהאַט אַ שמועס מיט זיין פרוי. לויט זיין מיינונג וואָלט דער ווילסאָן געווען אַפּאַסיגער חתן פאַר זייער טאָכטער. נאָך אַזאַ געלונגענעם פאַרשטענדליכן געבילדעטן מענטש ווי ווילסאָן וועלן זיי נישט טרעפן. ער איז זיכער דאָס עס וועט פאַר זייער טאָכטער אויך שטאַרק אימפּאָנירן.

דאָס וואָס ווילסאָן איז איצט פינאַנציעל נישט גוט סיטואירט, דאָס מאַכט ביי אים גאָרנישט אויס. דאָס קומט פאַר ביי די גרעסטע מענטשן, ס'איז אַ שיקזאַל זאַך. און ער איז נאָך יונג, ער וועט נאָך קענען מצליח זיין אויך אויף דעם געביט.

מ'דאַרף זיך אויך רעכענען — האָט אַנדריאַס געזאָגט צו זיין ווייב — וואָס מענטשן זאָגן, ער נעמט אויס ביי יעדן איינעם, און מ'זעט דאָך וואָס דער דירעקטאָר פונם בערלינער אוניווערסיטעט שרייבט וועגן אים, דאָס שענסטע און דאָס בעסטע.

אויבצוואַר די משפּחה זיינע איז נישט באַקאַנט, און ס'איז מעגליך דאָס ער קומט אַהער פון אַגאַנץ איינפאַכע קליין שטעטלדיגע עלטערן, נישט קיינע יחסנים.

דאַרפסטו נישט פאַרגעסן — האָט אַנדריאַס געזאָגט צו זיין ווייב — צווישן אונז זאָל עס גערעדט זיין, דאָס מיר זענען אויך נישט קיין גרויסע יחסנים, מיר זענען דאָך אייגנטליך אידן. ווען מיר זאָלן

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
ליכט שטראַלן - א כהן, אלישב עמוד מס : 21 הודפס ע"י אוצר החכמה

וועלן נעמען אַן איידעם עפּעס פון די ענגלישע אדל־לייט, אפשר וואָלט ער זיך אויך געגריבלט אַביסל אין אונזער יחוס, וואָלט אים נישט אַזוי שווער געווען אויפצודעקן אונזער סוד, דאַמאָלס וואָלטן מיר אַשיין פנים געהאַט אין אונזער געזעלשאַפט.

די פרוי אנדריאַס האָט איינגעזען ווי איר מאַן איז גערעכט אין זיין באַהויפּטונג. און שליסליך איז דאָך ווילסאָן פאַר איר אויך שטאַרק געפעלן געוואָרן. האָט זי געגעבן איר צושטימונג. און זי האָט געזאָגט, אַז מ'דאַרף מיט זייער טאָכטער ווי פריער כאַפּן אַ שמועס איבער דער זאַך.

נאָך די זעלבע נאַכט האָבן זיי אַהער גענומען זייער טאָכטער, און גערעדט מיט איר אָפענע רייד וועגן דער זאַך. זעלבסטפאַרשטענדליך דאָס וואָס זיי ליידן פון אַ דערנידערונגס קאָמפּלעקס, דורך דעם וואָס זיי זענען געבוירענע אידן, דאָס האָבן זיי פאַר זייער טאָכטער נישט אויסגעזאָגט, און דאָס איז געבליבן אַ סוד ווייטער ווי ביזהער.

די טאָכטער האָט געענטפערט, דאָס זי האָט קעגן דער זאַך גאָרנישט. דער מאַן איז איר געפעלן געוואָרן פון דער ערשטער מינוט, מיט זיין אינטעליגענטע באַנעמונג און זיינע אַלע מעלות וואָס מ'זאָגט אויף אים. און אַז פאַר זיי — אירע עלטערן — איז עס ניחא, איז זי אויך איינפאַרשטאַנען אויף דער זאַך.

ווען ווילסאָן איז געקומען צו די פאַמיליע אנדריאַס אויפן נעקסטן באַזוך, האָט אים אנדריאַס אַריינגענומען אין אַ באַזונדער צימער, און פאַרגעלייגט פאַר אים דעם שידוך מיט זיין טאָכטער.

ווילסאָן איז דאָך געווען דורכגעטריבן קלוג. ס'פאַרשטייט זיך אַז דער שידוך איז אים שטאַרק איינגעגאַנגען. אָבער ער האָט פאַרשטאַנען אַז ס'איז בעסער ער זאָל זיך נישט מיט איינמאָל אַנכאַפּן דעריין.

ער האָט געענטפערט פאַרן פּראָפעסאָר אנדריאַס, דאָס ער פילט זיך זייער געשעצט פון דעם פאָרשלאַג. אָבער אין אַזאַ לעבנסוויכטיגע געשעעניש, וועט מען אים אַנטשולדיגן דאָס ער בעט מ'זאָל אים געבן אַ פּאָר טאָג פאַר ישוב הדעת.

די פאַמיליע אנדריאַס האָט דאָס אָנגענומען פאַר זייער ריכטיג.

די פּאָר טעג זיינען פאַריבער און ווילסאָן האָט געגעבן זיין צושטימונג.

אנדריאַס, מיט זיין ווייב און טאָכטער, האָבן זיך געפילט

הדפסה ברזולוציית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
ליכט שטראלן - א כהן, אלישב עמוד מס: 22 הודפס ע"י אוצר החכמה

אוצר החכמה

גליקליך, דאָס זיי קריגן אריין אַזאַ חתן, וואָס זיי וועלן קענען מיט אים שטאָלצירן אין אַלע הויעכע קרייזן.

מ'האָט באַשטימט צופייערן די פאַרלאָבונג אין פיר וואָכן אַרום.

אנדריאַס האָט איינגעלאַדנט די העכסטע אדל־לייט, פּראָפע־סאָרן, לאָרדן, פּרינצן צו די פאַרלאָבונגס פייערונג, און אַהער געשטעלט אַ מאָלצייט צום באַוואונדערן.

דער חתן אדוארד ווילסאָן, האָט יעדן כמעט פאַרכישופ'ט, מיט זיין געשליפענעם צונג, איידילע אויסשפּראַכע, און אינטעליגענטע באַנעמונג.

— ו —

נאָכדעם וואָס ווילסאָן איז שוין געווען אַ חתן מיט אנדריאַס'נס טאָכטער, איז ער געקומען צו זיי אין שטוב ווי אַן אייגענער.

אין מוזעאום האָט ער זיך אַרום געדרייט ווי ער וואָלט געווען שוין אַליין דער דירעקטאָר.

איינמאָל איז ווילסאָן'ען איינגעפאַלן צומאַכן אַ באַזוך אינם מוזעאום פאַרנאַכט, ווען קיינער איז נישט דאָ. ער זאָל קענען אַלעס רואיג און גרינטליך באַטראַכטן.

די שומרים פון דרויסן האָבן אים שוין געקענט און ס'פאַרשטייט זיך אַז זיי האָבן אים געלאָזט אריינגיין ווען ער האָט געוואָלט, אומגעשטערט.

ווילסאָן האָט אַרום שפּאַצירט איבער די גרויסע זאַלן פונם מוזעאום אַליין, און ער האָט זיך נישט געקענט גענוג אָנזעטיגן פון די אַלע אינטערעסאַנטע אַנטיק זאַכן, וואָס איז דאָרט געווען צושפּרייט אין אַלע ווינקעלעך.

דאָס האַרץ האָט אים שטאַרק געצויגן צו דעם זאַל אין ווינקל פון דרום־מערב זייט אין מוזעאום, וואו דאָס קעסטעלע מיטן חושן משפט פונם כהן גדול איז דאָרט געווען אוועקגעשטעלט. ער איז צוגעגאַנגען, און אָנגעהויבן צובאַטראַכטן די צוועלף שטיינער פון די גאָענט. אויף איידילשטיינער איז ער טאַקע געווען אַ מבין, ער האָט זיך אין דעם ספּעציעליזירט יאָרן. ער האָט זיך גוט איינגעקוקט אין די שטיינער און איז געקומען צום באַשלוס, דאָס צו אַזעלכע ווערטפולע שטיינער איז נישט דאָ אין די גאַנצע וועלט זייער גלייכן.

דער אַלטער יצר הרע האָט זיך דערוועקט אין ווילסאָן'ען. ער

האָט איצט אין די האַנט אַגעלעגנהייט, וואָס ער וואָלט געקענט גליקליך ווערן איבער זיין גאַנץ לעבן.

וואָס דאַרף ער זיך פּלאָגן אויף דער וועלט, און אויסקוקן דאָס דער צוקונפטיגער שווער זיינער זאָל אים עפּעס איינאָרדענען. ער וואָלט געקענט אַרויסגנב׳ענען פון דאָ די צוועלף שטיינער, וואָס זייער ווערט איז אומשאַצבאַר. און ער איז גענוג אַ פאַכמאַן אויף דעם, דאָס ער קען אויסאַרבעטן צוועלף פּינקטליך נאָכגעמאַכטע אַנדערע שטיינער, וואָס זאָלן זיין גלייך צו דעם אָריגינעלן ווי אַטראָפּן וואַסער, און ער מיט זיינע פאַכמענישע הענט קען ער דאָס אַריינשטעלן פּונקט אויפן פּלאַץ פון די פריערדיגע, אַז עס זאָל אוממעגליך זיין צו דערקענען אַז דאָ איז עפּעס געטאָן געוואָרן. און די נאָכגעמאַכטע שטיינער וועלן בליטשקען פּונקט ווי די פריערדיגע, יעדנפאַלס מיט אַ געוועגליכן אויגנבליק וועט קיינער נישט דערקענען קיין שום חילוק. נאָרמאַלערווייזע קען דורך גיין צענדליגע יאָרן דאָס מ׳זאָל נישט דערוויסן זיך פון די גניבה. און ער וועט קענען גליקליך אָפּלעבן זיינע יאָרן פון דעם וואָס ער וועט אָפּלייזן פאַר די שטיינער.

ווילסאָן איז אַרום געגאַנגען אַ פּאָר טאָג פאַרשיכור׳ט פון דעם געדאַנק. ביז ער האָט געהאַט בייזיך אַ פעסטן באַשלוס צו צוטרעטן צו דער זאַך.

* * *

אין מיטן האָט פּאַסירט אַזאַך, וואָס איז געווען פאַר ווילסאָן׳ען אַ שטאַרקע איבערראַשונג.

ביי די שטעלע פון זיין דער דירעקטאָר פונם מוזעאום, וועלכע פּראָפעסאָר אַנדריאַס האָט פאַרנומען, איז געווען אַן אַלטער אַנגענומענער געזעץ, דאָס ווי מ׳ווערט אַלט זעכציג יאָר גייט מען אין פענסיע, צי מ׳וויל יאָ, צי מ׳וויל נישט, אַזוי מוז עס זיין, ווייל אַזוי האָט זיך געפירט פון אייביג אָן, און מ׳קען דאָס נישט ענדערן.

פּראָפעסאָר אַנדריאַס, איז אין די טעג אַלט געוואָרן זעכציג יאָר, און איז אויטאָמאַטיש בעזייטיגט געוואָרן פון די שטעלע, ער איז אַרוים אויף פענסיע. ס׳פאַרשטייט זיך, דאָס פּרנסה האָט אים נישט געפעלט. ערשטנס, האָט ער געהאַט עטליכע שיינע הייזער אין לאָנדאָן, וועלכע ער האָט געקויפט פון דעם קאַפּיטאַל וואָס ער האָט מיט זיך מיטגעברענגט פון שפּאַניען. צווייטנס, האָט ער געהאַט אָפּגעשפּאָרט אַ שיינע סומע, וואָס פון דעם וואָלט ער אויך געקענט

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
ליכט שטראלן - א כהן, אלישב עמוד מס : 24 הודפס ע״י אוצר החכמה

אוצר החכמה



שוין אויסלעבן זיינע יאָרן. דריטנס, איז די געהאַלט פון פענסיע אויך געווען אַניש-קשה'דיגע, דאָס מ'האָט געקענט דערפון בכבוד'דיג אויסלעבן.

אויף אנדריאַס'נס פּלאַץ, אַלס דירעקטאָר און הויפּטאויפזעער פון מוזיאום, איז געקומען אַ יונגער פּראָפעסאָר מיטן נאָמען מאַרטימאָר.

אותיות 1234567

פאַר ווילסאָן'ען האָט אנדריאַס נישט דערציילט גאָרנישט אין פאָראויס, דאָס ער דאַרף איבערלאָזן די שטעלע. ס'האָט אים נישט געפּאַסט.

ווילסאָן'ען האָט טאַקע געטראָפן די זאַך ווי אַ דונער אין העלן טאָג. און דער עיקר האָט ער מורא געהאַט, דאָס זיין גאַנצער פּלאַן וועגן אַרויסגנב'ענען דעם חושן משפט וועט בטל ווערן, ווייל מאַרטימאָר וועט אים נישט לאָזן מיט די פּריווילעגיעס וואָס ער האָט געהאַט ביז איצט, אַריין צו גיין אין מוזעאום אומגעשטערט ווען ער וויל.

אָבער גאַנץ שנעל האָט ער זיך איבערצייגט, דאָס זיינע פאַרדאַכטן זענען געווען אומזיסט. זיין צוקונפטיגער שווער פּראָפעסאָר אנדריאַס האָט אויסגעפּועל'ט ביי זיין יונגן קאָלעגע פּראָפ. מאַרטימאָר, דאָס ער זאָל זיין צוקונפטיגן איידעם מר. ווילסאָן, לאָזן מיט די זעלבע פרייהייט און צוטרוי, אָנבעלאַנגט פון אַריין גיין אין מוזעאום, ווי ס'איז געווען ביזהער.

* * *

ווילסאָן איז צוגעטרעטן צום אויספירן זיין פּלאַן. דער חושן איז געשטאַנען אין אַ גלאַזערנעם קעסטל. איז דאָס ערשטע וואָס ער האָט געטאָן, ער האָט פון וואַקס געמאַכט אַ פּונקטליכן פאָרעם פונם שליסל לאָך פונם קעסטל און האָט לויט דעם צוגעפּאַסט אַשליסל. איצט האָט ער שוין געקענט עפנען דאָס קעסטל, און אָנרירן די שטיינער מיט די הענט.

ער האָט אָפּגעמאָסטן די גענויע מאָס פון יעדן שטיין, פאַרצייכנט גענוי די פאַרב, און דעם אופן ווי דער שטיין איז געשליפן און געקעסטלט, אין וועלכן ווילסאַן איז געווען אַ פאַכמאַן, און אויך פאַרצייכנט די אותיות וואָס זענען אויסגעקריצט אויף אַ יעדן שטיין. לויט דעם האָט ער זיך צוגעגרייט צוועלף אַנדערע שטיינער געפעלשטע, וועלכע האָבן אויסגעזען גענוי ווי די אָריגינעלע.

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
ליכט שטראלן - א כהן, אלישב עמוד מס : 25 הודפס ע"י אוצר החכמה

איצט איז געקומען די שווערסטע אַרבעט. איבערצובייטן די שטיינער. אַרויסנעמען די אָריגינעלע און אַריין זעצן די געפעלשעוועטע מיט אַזאַ מייסטערשאַפט דאָס ס'זאָל זיך אבסעלוט גאָרנישט דערקענען. צוועלף נעכט האָט ווילסאָן געאַרבעט אויף דעם. יעדע נאַכט איין שטיין.

ווען ער איז פערטיג געוואָרן מיט דער אַרבעט, און האָט געהאַט אין די האַנט די אָריגינעלע שטיינער פון חושן, אין ער אַליין געווען איבעראַשט פון זיין גרויסן ערפאָלג. ער האָט אַליין נישט גערעכנט אַז ס'וועט אים אַזוי גוט געלונגען.

אוצר החכמה

— ז —

ווילסאָן האָט שוין געהאַט די בריליאַנטן שטיינער פונם חושן אין זיין רשות. ער האָט געפיבערט פון אויפרעגונג און נערוועזקייט, באַרעכענענדיג דאָס ער שטייט שוין אויפן שוועל פון גליקליך צו ווערן.

איצט האָט ער געהאַט פאַר זיך די אויפגאַבע, ווי אַזוי צו פאַרווערטן די שטיינער. ער האָט געמאַכט דעם פּלאַן צום ערשטן וועט ער אָפּקראַצן די נעמען פון די שבטים, וואָס זענען געווען איינגעקריצט אין די צוועלף שטיינער. דאַן וועט ער זוכן אַ קונה צו פאַרלעך ווייז, צוויי צוויי פאַר איין סוחר, ס'זאָל נישט ווערן אויפפאַלנד.

אַראָפּקראַצן פון די שטיינער די איינגעקריצטע נעמען, איז אויך אַ פאַכמאַנישע אַרבעט, און ער דאַרף דערצו עפּעס ווערקצייג.

דערווייל האָט ער געקלערט, דאָס ער כאַפּט זיך אַביסל אַראָפּ אין די גרויסע גאַסן, באַקענען זיך מיט עטליכע גרויסע דיימאַנט און צירונג ביזנעס.

גייענדיג פאַרביי פאַר אַ בודקעלע פון ציטונגען, איז ער אויפמערקזאַם געוואָרן אויף אַ גרויסע מודעה אויפן ערשטן עמוד פון אַ באַוואוסטע שטאַרק פאַרשפּרייטע צייטונג. ער לייענט:

— אַ באַוואוסטער רייכער ראַבינער פון דייטשלאַנד וועלכער איז נאָר וואָס אָנגעקומען אויף לאָנדאָן, איז אינטערעסירט צוקויפן אַלטע אַנטיק הייליגטימען, וואָס זיי האָבן עפּעס אַ פאַרבינדונג מיטן אידישן פאָלק, צום בית המקדש, אָדער צום הייליגן לאַנד. ער באַצאָלט מיט פאַרגעניגן איעדע פּרייז, ווי הויעך ס'זאָל נישט זיין. די אינטערעסירטע זאָלן זיך ווענדן אין (דעם און דעם) האָטעל, צימער נום. — 9.

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
ליכט שטראלן - א כהן, אלישב עמוד מס: 26 הודפס ע"י אוצר החכמה

די מודעה האט ווילסאנ׳ען שטארק איבערראשט. ער האט זיך נישט געגלויבט פאר די אויגן וואס ער זעט. א רייכער ראבינער זוכט צוקויפען הייליגטימען וואס האבן א שייכות צום אידישן פאלק, צום בית המקדש א. א. וו. און ער באצאלט די העכסטע פרייז, דאס איז דאך טאקע דער קונה וואס ער זוכט.

ער האט זיך שוין פארקירעוועט צו דעם געגנט, וואו דער נאבעלער האטעל געפינט זיך, וואו דער רייכער ראבינער שטייט איין. ער איז געווען שטארק בעאיינדרוקט. אויף דעם האט ער זיך איבער הויפט נישט געריכטעט, דאס אזוי שנעל זאל זיך אים טרעפן אזא וואונדערבארער געלעגנהייט.

ער איז אנגעקומען צום האטעל, ער ווענדט זיך צום אינפארמאציע אפיס. ביטע, צימער נומער, 9.

מיט פארגעניגן — זאגט דער אפיסער — און ער פירט אים צו צום צימער 9, און לאזט אים דארט שטיין. ווילסאן האט זיך צורעכט געמאכט די קליידער, פארראכטן דעם שניפסל, און אנגעשטרענגט זיך צוווייזן א רואיג פנים.

ער קלאפט אן ביי די טיר.

דער מהר״ל זעצט זיך שנעל אוועק אין א שיינעם גרויסן פאטעל, נעבן א גרויסן שרייב טיש.

ביטע, אריין!

די טיר עפנט זיך, ווילסאן שטייט ביי די טיר, מיט זיין נאבעלן אינטעלעגאנטן אנגעטועכץ.

גוט מארגן! — גריסט ער, און פארנייגט זיך פארשריפט מעסיג.

ער זאגט: — הער ראבינער, איך בין געקומען צורעדן מיט אייך אין זייער א וויכטיג ענין. מיין נאמען מוז פארלויפיג בלייבן אינקאגניטא, אלץ באווארנונגס מיטל.

דער מהר״ל שטעלט זיך אויף, ער ענטפאנגט אים מיט א פריינטליכן שמייכל, און בעט אים צוזיצן אין דעם צווייטן פאטעל, אקעגן איבער אים.

דער מהר״ל שטייט א רגע, און קוקט מיט דורכדרינגלעכע אויגן אין די געזיכטסשטריכן פון דעם יונגענמאן, ווי ער וואלט זיך געוואלט ערשט איבערצייגן צי דאס איז טאקע דער מענטש אויף וועם ער ווארט.

ווילסאן זעצט זיך אנידער אין דעם פאטעל.

הדפסה ברזולוציית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
ליכט שטראלן - א כהן, אלישב עמוד מס : 27 הודפס ע"י אוצר החכמה

וואָס קען איך טאָן פאַר אייך מיסטער — זאָגט צו אים דער מהר״ל.

אַנבעלאַנגט די מודעה — האָט ווילסאָן געזאָגט — וואָס דער הער ראַבינער האָט געלאָזט פאַרעפנטליכן אין די צייטונג. איך דענק דאָס איך האָב אַזאַך וואָס זאָל אייך שטאַרק אינטערעסירן. נאָר בעפאָר איך וועל צוטרעטן צו די איינצלהייטן, וויל איך דאָס דער הער ראַבינער זאָל מיר שווערן אין אַלעם וואָס איז אייך הייליג, דאָס איר וועט די זאַך האַלטן בסוד, נישט דערציילן קיינעם דאָס מינדסטע.

שווערן קען איך נישט פון רעליגיעזן שטאַנדפונקט — האָט דער מהר״ל געזאָגט, — כ׳האָב נאָך אין מיין לעבן קיינמאָל נישט געשוואוירן. אָבער איך קען אייך געבן מיין ערנוואָרט, דאָס איז אויך ביי מיר אַזוי האַרב ווי אַ שבועה.

גוט — האָט ווילסאָן געזאָגט — ס׳וועט מיר גענוג זיין אייער ערנוואָרט. סיי־ווי האָב איך נאָך בעסערע מיטלען אויף באַוואָרענישן, און אויף צו פאַרמאַכן דאָס מויל פון אַ מענטש...

אַלזאָ — האָט ווילסאָן אָנגעהויבן נאָך אַ שטיקל פויזע — איך וועל צוטרעטן צו דער זאַך.

איך דאַרף אייך נישט דערציילן — הער ראַבינער — איר ווייסט גוט דאָס די כלים פון בית המקדש, זענען געפאַנגען געוואָרן דורך דעם רוימישן טיטוס, ווען ער האָט חרוב געמאַכט דאָס בית המקדש. הונדערטער יאָרן האָבן זיך די כלים געפונען אונטערן קעניגליכן באַזיץ אין רוים. ביז ווען רוים איז באַזיגט געוואָרן און מ׳האָט אויסגעפּלינדערט אירע שאַצקאַמערן. אַזוי נאָך זענען פאַר־וואַלגערט געוואָרן אַ באַדייטנדער טייל פון די בית המקדש כלים אויף ענגלאַנד, צווישן זיי דער חושן משפט. וועלכע זענען אויס געשטעלט, זיי אָנצוקוקן, אינם קעניגליכן מוזעאום, דאָ אין לאָנדאָן.

אַלזאָ מיר איז געלונגען — האָט ווילסאָן פאַרגעזעצט — טראָץ די שטאַרקע וואַך וואָס איז געשטעלט אויף דעם מוזעאום, אַרויס צו גנב׳ענען די צוועלף טייערע בריליאַנט שטיינער פונם חושן, און אָנשטאָט זיי צוריק אַריינזעצן צוועלף אַנדערע געפעלשטע שטיינער.

דער מהר״ל האָט געוויזן אַ פּנים ווי ער איז שטאַרק איבערראַשט.

איך מוז אייך דאָ צוגעבן הער ראַבינער — האָט ווילסאָן געזאָגט — איך האָב די זאַך געטאָן, מער אַלץ זעלישע באַפרידיגונג, ווי אַלץ געלט גייציגקייט. נעמליך, איך קום אַהער פון אַ אידישן

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
ליכט שטראלן - א כהן, אלישב עמוד מס: 28 הודפס ע״י אוצר החכמה

אוצר החכמה

שטאם, און דאס הארץ האט מיר אלעמאל וויי געטאן, וואס די הייליגע שטיינער, דאס ביסל איבערבלייבעכץ פון אונזער שיינקייט און הייליגקייט, זענען אין פרעמדע הענט.

איר זענט א איד? — האט געפרעגט דער מהר״ל פארוואונדערט —

בין געבוירן אלס איד, ביי אידישע עלטערן — האט ווילסאן געענטפערט מיט א שמייכל.

און איר האט געגנב׳עט די שטיינער פונם חושן, אלץ זארג איבער זייער הייליגקייט?

יא! אזוי ווי איר הערט, הער ראבינער.

אבער נאכדעם וואס איך האב דאס שוין באוויזן צוטאן — האט ווילסאן זיך געאיילט צוצוגעבן — מיט די גרעסטע אנשטרענגונג און איינשטעלעניש, וויל איך דערפון געניסן. כ׳האב דאך מיר דאס לעבן איינגעשטעלט איבער דער זאך.

דער מהר״ל האט געוויזן אן ערנסטע מינע. ער האט געשאקלט מיטן קאפ אלץ צושטימונג צו ווילסאן׳ס רייד, און האט געזאגט:

— איר האט זייער ריכטיג געהאנדלט מיסטער. ס׳איז בעסער דאס די שטיינער זאלן זיך געפינען אין אידישע הענט ווי ביי די גוים. איך פארשטיי דאס איר זענט געקומען צו מיר צו פארקויפן די שטיינער. זייער גוט. איך בין אן צווייפל אינטערעסירט אין זיי. אפשר וואלט איר געוועט וויליג צו ווייזן מיר די טייערע שטיינער. און גלייכצייטיג אויך זאגן די פרייז וואס איר ווילט פאר זיי.

די פרייז קען איך אייך זאגן, הער ראבינער — האט ווילסאן געזאגט — אבער ווייזן אייך די שטיינער קען איך דערווייל נישט. פשוט, איך האב זיי נישט מיט מיר. אלס באווארענונגס מיטל נעם איך נישט די שטיינער מיט מיר. זיי זענען באהאלטן אויף א ארט, וואס ס׳וואלט פאר א מענטש אוממעגליך געווען אהין צו צוקומען.

ערשט נאכדעם ווי איך זע מיט וועם איך האב צוטאן, און איך בין איבערצייגט דאס ער איז אן ערנסטער קונה, דאן גיי איך ערשט ברענגען די שטיינער. פון דאנעט צו גיין און ברענגען די שטיינער וועט מיר נישט נעמען מער ווי א שטונדע.

אלזא הער ראבינער — האט ווילסאן פארגעזעצט — די ווערט פון די צוועלף שטיינער איז לויט פאכמענישע אפשאצונג, נישט ווייניגער ווי „דריימאל הונדערט טויזנט לירות״. נאר גענומען אין אנבאטראכט די אומשטענדן, וועל איך זיך באנוגענען מיטן דריטל פון

די סומע דאָס הייסט „הונדערט טויזנט לירות", אָבער נישט ווייניגער פון דעם.

זענען זי אימשטאַנד העלפן דעם ראַבינער — האָט ווילסאָן פאַרענדיגט — צו באַצאָלן די סומע, וועלן די שטיינער אריבער אין אייער באַזיץ.

נאָך אביסל אריינדענקען האָט דער מהר"ל געזאָגט:

— זיכער בין איך אימשטאַנד, און אויך בעריט צובאַצאָלן די סומע. נאָר אַזוי ווי איך האָב זיך נישט צוגעגרייט צו אַזאַ גרויסע וויכטיגע איינקויפעכץ, און איך האָב נישט מיט גענומען מיט מיר אויפן וועג אַזאַ סומע. וועל איך אייך בעטן צו אַנטשולדיגן און וואַרטן אַ צירקע צוויי וואָכן. אין צווישן וועל איך באַזאָרגן די באַטרעפנדע סומע.

נאָר בעפאָר איך טו אין דעם שריטע — האָט דער מהר"ל געזאָגט — וויל איך אומבאַדינגט זען די שטיינער.

זייער ריכטיג — האָט ווילסאָן געזאָגט מיט אַ גוט געלוינטע שטימע — איך גיי שוין ברענגען די שטיינער. ס'וועט נעמען נישט מער ווי אַ קורצע שטונדע און איך בין צוריק.

* * *

ווען ווילסאָן איז אַרויס פונם האָטעל, האָט ער אָפּגעשטעלט אַ שייגעץ און געזאָגט צו אים:

— ווילסט פאַרדינען אַ גאַנצע לירה אין אַ שעה צייט?

פאַרוואָס נישט? ! — האָט זיך דער שייגעץ אָנגעכאַפּט.

איז, דאָ געפינט זיך דער האָטעל, זעסטו? וועסט אַריין גיין אינעווייניג, דאָרט איז דאָ אַ גרויסער קאָרידאָר. וועסט דיך דאָרט אָנידערזעצן, און קוקן אויפן צימער נומער 9. אין אַ שעה אַרום וועל איך זיין צוריק דאָ, וועסטו מיר זאָגן אויב דו האָסט געזען פון דעם צימער אַרויסגיין אַ אידישן ראַבינער מיט אַ לאַנגע ווייסע באָרד, און מיט וועמען ער האָט גערעדט. פאַרשטאַנען?

יאָ! מיסטער.

ווילסאָן איז אַוועק. אין ווייניגער ווי אַ שעה איז ער שוין געווען צוריק. ער טרעפט דאָרט זיצן דעם שייגעץ.

נו? — האָט ווילסאָן געפרעגט דעם שייגעץ.

מיסטער — האָט דער שייגעץ געזאָגט — איך קען אייך שווערן ביי מיין טאַטע מאַמען, און ביי אַלע הייליגקייטן, דאָס דאָ פון דעם צימער נום. 9, איז נישט אַרויס אַ ראַבינער מיט אַ ווייסע באָרד.

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
ליכט שטראלן - א כהן, אלישב עמוד מס: 30 הודפס ע"י אוצר החכמה